**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/2/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט אנהייבן ארבעט פאר 6.6 מיליאן דאלערדיגע קאמיוניטי צענטער פארברייטערונג אין טראוי

***׳קאמיוניטי רעסאָרס צענטער ברידזש׳ וועט אנבאטן אנהייב-קינדהייט בילדונג, פראגראמען פאר עלטערע לייט און פאר יוגנטליכע, און ערנערונג און וואוילזיין שטיצע***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן דאס אנהייבן קאנסטרוקציע אויף א 6.6 מיליאן דאלערדיגער פארברייטערונג צו די קאמיסיע אויף עקאנאמישע געלעגנהייטן׳ס ׳קאמיוניט רעסאָרס צענטער׳ אין טרוי. דער ׳קאמיוניטי רעסאָרס צענטער ברידזש׳ וועט אנבאטן אנהייב-קינדהייט בילדונג, פראגראמען פאר עלטערע לייט און פאר יוגנטליכע, און ערנערונג און געזונטהייט סערוויסעס.

״פאר יעדן אין ניו יארק קומט זיך צוטריט צו די רעסאָרסן וואס זיי דארפן האבן אויף צו דערגרייכן סוקסעס,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״קאמיוניטי צענטערס זענען העכסט-נייטיג פאר ליפערן נייטיגע סערוויסעס ווי אנהייב-קינדהייט בילדונג, נאך-סקול פראגראמען און אקטיוויטעטן וואס האלטן עלטערע לייט באשעפטיגט און געזונט. דער פארברייטערטער ׳קאמיוניטי רעסאָרס צענטער׳ איז א באדייטנדע אינוועסטירונג וואס וועט פארזארגן פאר טרוי איינוואוינער די העכסט-נייטיגע סערוויסעס אויף צענדליגע יארן אינעם צוקונפט.״

דער פראיעקט ווערט געשטיצט דורך א 5 מיליאן דאלערדיגע אויסטיילונג צו דער ׳קאמיסיע אויף עקאנאמישע געלעגנהייט פאר׳ן גרעיטער קאפיטאל ראיאן, אינק.׳ דורך ניו יארק׳ס באשטימטע חלק פון פעדעראלע קאמיוניטי אנטוויקלונג ׳בלאק׳ גרענט CARES אקט פינאנצירונג. ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ אדמיניסטרירט דעם CDBG-CARES פראגראם.

CEO וועט ניצן די געלטער אויף צו בויען א צוגעלייגטן חלק צו דער יעצטיגער איינריכטונג ביי 2328 5׳טע עוועניו אין דאונטאון טרוי. די פארברייטערונג וועט פארזארגן פלאץ פאר דריי אנהייב-קינדהייט קלאס צימערן, אן אינדרויסנדיגער ארט צוצושטעלן קאמיוניטי סערוויסעס און א קאמיוניטי צימער.

דער פראיעקט וועט העלפן זיך אפרופן צו די פאדערונגען וואס CEO האט געשפירט במשך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, ווי למשל סאציעלע אפזונדערונג, צושטעלן פערזענליכע סערוויסעס, אויסלופטערונג, זיכערע אינדרויסנדיגע ארט און פאסיגע טעכנאלאגיע פאר אפעראציעס פונדערווייטנס.

די פעדעראלע קאמיוניטי אנטוויקלונג בלאָק גרענט CARES אקט פינאנצירונג איז אלאקירט געווארן צו סטעיטס אין 2020 אויף צו שטיצן קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע אדרעסירן פאנדעמיע-פארבינדענע געזונט און זיכערהייט פראבלעמען און פארבעסערן פובליק סערוויסעס.

**ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ קאמיסיאנערין רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** ״דאס פארברייטערן דעם ׳קאמיוניטי רעסאָרס צענטער׳ אין טרוי וועט זיין א טובה פאר טויזנטער איינוואוינער דורך צושטעלן העכסט-נייטיגע פראגראמען אין א זיכערע און געזונטע סביבה. דורכאויס דער פאנדעמיע האבן נאנפראפיטס און מוניציפאליטעטן לענגאויס דעם סטעיט זיך געראנגלט מיט קאמפליצירטע אפעראציאנעלע פאדערונגען און אן אויפשטייג אין פארלאנג פאר סערוויסעס. אונזער 5 מיליאן דאלערדיגן CDBG CARES אויסטיילונג וועט גיין א ווייטן וועג אויף צו העלפן די קאמיסיע אויף עקאנאמישע גלעגנהייט צו פארברייטערן ווי ווייט זיי גרייכן און בעסער ערפילן זייער מיסיע צו באפולמעכטיגן די איינוואוינער פון טרוי.״

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** ״דאס אינוועסטירן אין טרוי׳ס יוגנטליכע איז אינוועסטירן אין דעם צוקונפט פון דעם קאפיטאל ראיאן, און איך בין שטאלץ צו ליפערן די 5 מיליאן דאלער אין פעדעראלע פינאנצירונג אונטערצוהייבן דער קאמיוניטי, אירע פאמיליעס, עלטערע לייט און דאס וויכטיגסטע, די קינדער פון טרוי. ווען איך האב פאראנדלט דעם CARES אקט, איז עס געווען העכסט צייט פאר די אינוועסטירונגען — ווי דער דרינגענד נייטיגער פארברייטערונג פון דעם קאמיוניטי צענטער — וואס איך אינזין געהאט איבער אלעמען. אצינד וועט טרוי ענדליך האבן די סטעיט-אָוו-דע-אַרט קאמיוניטי צוזאמקונפט ארט עס איז זיך איר לאנג געקומען.״

**קאנגרעסמאן פאול טאנקא האט געזאגט,** ״אינדערמיט פון דער קאָוויד פאנדעמיע, האט קאנגרעס געארבעט געשווינד אפירצוברענגען דעם CARES אקט אויף אונטערצוהייבן אונזער עקאנאמיע און צושטעלן א לעבנס-מיטל צו אונזערע פאמיליעס, קלענערע ביזנעסער און קאמיוניטיס. איך בין פול מיט עקסטאז צו זען ווי יענע פינאנצירונג ווערט געליפערט צו אונזער קאפיטאל ראיאן. דער פראיעקט וועט וואויל דינען די איינוואוינער פון טרוי, מיט שטיצע פאר אנהייב-קינדהייט לערנען, סערוויסעס פאר עלטערע און נאך. איך קוק ארויס ווייטער צו דרוקן פאר פּאָליסיס וועלכע הייבן קאמיוניטי אויפלעבונג און מאכן אונזער ראיאן א בעסערן ארט.״

**סטעיט סענאטאר נעיל ברעסלין האט געזאגט,** ״דאס פארברייטערן דעם ׳קאמיסיע אויף עקאנאמישע געלעגנהייט קאמיוניטי רעסאָרס צענטער׳ וועט צושטעלן גאר גוטע קאמיוניטי טובות פאר טרוי׳ס איינוואוינער. איך אפלאדיר סיי גאווערנער האוקול און סיי ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ פאר זייער טריישאפט צום פארברייטערן אנהייב-קינדהייט בילדונג געלעגנהייטן, ווי אויך מער פראגראמען פאר יונגווארג און עלטערע לייט וואס וועלן יעצט זיין צוגעשטעלט פאר איינוואוינער לענגאויס אונזער קאמיוניטי.״

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאן טי. מעקדאנעלד דער דריטער האט געזאגט,** ״די קאמיסיע אויף עקאנאמישע געלעגנהייט שטעלט צו פאר יחידים און זייערע פאמיליעס די מיטלען וואס קענען ניצן צו באַרייכערן זייערע לעבנס און זיך ארויסהייבן פון דחקות. די דאזיגע קאמיוניטי צענטער פארברייטערונג וועט ערמעגליכן פאר CEO צו אפגרעיד׳ען און מאדערניזירן זייערע איינריכטונגען און פראגראמאטישע סערוויסעס ערמעגליכנדיג באדייטנדע פארבעסערונגען וועלכע וועלן האבן א השפעה אויף יעדן פון עלטערע מענטשן ביז קליינע קינדער. א דאנק אייך גאווערנער האוקול און ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ פאר׳ן ווייטער אינוועסטירן אין פראיעקטן וואס וועלן פארברייטערן העכסט-נייטיגע פראגראמען און סערוויסעס וואס וועלן באדייטנד פארבעסערן דער קאמיוניטי.״

**מעיאר פון שטאט טרוי פעטריק מעדען האט געזאגט,** ״מיר זענען גאר שטארק דאנקבאר צו גאווערנער האוקול פאר דער וויכטיגער אינוועסטירונג אין אונזערע יונגווארג. די פאנדעמיע האט אונז אלע פיל אפגעקאסט — און דאס מערסטע אונזערע יונגווארג, וועלכע האבן פארלוירן וויכטיגע בילדונגס און סאציעלע דורכלעבענישן. די שטאט אפלאדירט CEO פאר איר איניציאטיוו אין אנטוויקלען דעם

קאמיוניטי צענטער און דעם סטעיט ניו יארק פאר׳ן שטיצן זייער ארבעט. דאס איז ווירקליך אן אינוועסטירונג אין אונזער צוקונפט.״

**קאטערינע מאציאל, CEO און פרעזידענט פון CEO, האט געזאגט,** ״מיר זענען איוסערגעווענליך דערהייטערט איבער די פאטענציעל וואס דער געביידע וועט ברענגען צו אונזער קאמיוניטי און טרוי איינוואוינער. די אינעווייניגע און אינדרויסנדיגע ארט וועט צושטעלן די געלעגנהייט נאכצוקומען די געזונטהייט געברויכן פון דער קאמיוניטי דורך אנבאטן טרענירונגען, לעקציעס, פאמיליע אויסלערנען איניציאטיוון, פייערונגען און נאך אסאך. עס וועט העלפן אוועקשטעלן א העכסט-נייטיגע סערוויס צענטער דאביים הוסיק סטריט קארידאר. די פאנדעמיע האט שווער באטראפן אונזערע קאמיוניטיס, אבער די געביידע צייכנט אפ א נייע תקופה פון דערהייטערנדע געלעגנהייטן פאר CEO און אונזערע קאסטומערס.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418